# פרשת חיי שרה כ"א - כ"ז חשון תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף ו') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה פארציילט די תורה, אז די אנשי סדום זענען געווען רעים וחטאים לה' מאד, ארדה נא ואראה הכצעקתה הבאה אלי עשו כלה (יח-כא), און דער באשעפער האט איבערגעדרייט אלע שטעט, סדום ועמורה אדמה וצבויים. די מפרשים שטעלן זיך, אז גוים זענען נאר מצווה אין שבע מצות, נאר זיבן מצוות דארפן זיי מקיים זיין. האבן זיי נישט געגעבן קיין צדקה, זיי האבן נישט געוואלט געבן פאר א ארימאן פון זייער עסן, פארוואס קומט זיי מיתה? זיי האבן נישט עובר געווען אויף קיין שום לאו אין די תורה. דור המבול האט געזינדיגט מיט גזל, כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ. פון סדום איז משמע אז די גאנצע חטא איז געווען אז יד עני ואביון לא החזיקו.

**נאך** איז דא א דיוק. מען זעהט נישט אין די תורה אז עס זאל זיין א מצוה אויף מדות טובות. עס איז נישט דא א פסוק אז א מענטש דארף האבן גוטע מדות, און ארבעטן אויף זיינע מדות. פארוואס נישט? מדות טובות איז דאך א חלק פון יודישקייט. אין די מפרשים שטייט, אז די תורה הייבט זיך נישט אן, אן מדות טובות. דאס איז דרך ארץ וואס איז קדמה לתורה (ויק"ר ט-ג), דאס דארף זיין נאך פאר תורה.

**דער** פשט דערפון איז, מען געפונט אין די גמרא (בבא מציעא ל:) לא חרבה ירושלים, ירושלים איז נישט חרוב געווארן, אלא בשביל שהעמידו דיניהם על דין תורה. וואס מיינט דאס שהעמידו דיניהם על דין תורה. אז מען איז מעמיד די ווערטער על דין תורה איז דאך גאנץ גוט, ער פירט זיך דאך על פי דין תורה.

**מען** געפונט אין די גמרא אויף מערערע פלעצער, אז די גמרא פרעגט, למה לי קרא, סברא הוא (בבא קמא מו:, כתובות כב., נדה כה.). פארוואס דארף מען האבן א פסוק דערויף, עס איז דאך א סברא אז מען דארף אזוי צו טון. וואס איז די קשיא למה לי קרא סברא הוא, איך דארף נישט קיין פסוק ווייל עס איז א סברא, א סברא איז נאר א סברא, אבער אז די תורה שרייבט עס, ווערט עס א חלק פון די תורה, עס איז א מצוה מן התורה אזוי צו טון. וואס איז די קשיא, פארוואס דארף איך האבן א פסוק, עס איז א סברא, ווען עס ווערט זיין נאר א סברא, טו איך א זאך וואס די סברא זאגט אזוי. און ווען איך בין עובר דערויף, האב איך עובר געווען אויף א זאך וואס איז א סברא. אבער אז עס שטייט אין די תורה, ווערט עס א חלק פון די תורה. - און מיר וועלן גיין נאך טיפער, אין די תורה איז דא א הלכה, אז א ספיקא דאורייתא איז לחומרא. אז מען האט א ספק צו די תורה האט די זאך גע'אסר'ט צו נישט, דארף מען גיין לחומרא. אבער אויב עס איז נישט א זאך אין די תורה, נאר עס איז א סברא אז מען דארף אזוי צו טון, און איך האב א ספק אין די סברא, איז נישט דא קיין הלכה אז איך דארף מחמיר זיין אין די סברא. וואס איז די גמרא'ס קשיא, למה לי קרא סברא הוא, און אז עס איז א סברא דארף מען נישט קיין פסוק.

**זעהט** מען פון דעם, אז עס איז נישט אזוי. א זאך וואס איז א סברא, דארף מען נישט קיין פסוק דערויף. און עס איז פונקט אזא דאורייתא צו האלטן א זאך וואס איז א סברא, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה. אז די גמרא פרעגט למה לי קרא, דו דארפסט נישט קיין פסוק, סברא הוא. דער פסוק וועט דיר גארנישט מער צוגעבן ווען די תורה וועט עס שרייבן, ווי דו וואלסט געווען מחוייב דערין אלץ די סברא. דאס איז טייטש, אז אפילו זאכען וואס עס שטייט נישט אין די תורה אז מען דארף אזוי טון, אויב דער שכל הישר פון א מענטש זאגט אז מען דארף אזוי צו טון, האט די תורה מצווה געווען אז מען דארף אזוי צו טון.

**וואס** דער ביאור דערפון איז, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער האט געשטעלט דעם מענטש אויף די וועלט, און ער האט אים געגעבן שכל אז ער זאל זיך פירן אויף די וועלט ווי עס דארף צו זיין. לא תוהו בראה לשבת יצרה (ישעיה מה-יח), עס דארף זיין א ישוב העולם, און דער ישוב

העולם גייט נאר מיט סברא. וואס א מענטש פארשטייט אז עס איז ריכטיג צו טון, דאס דארף ער טון. און אז דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט אז עס זאל זיין לשבת, אז מען זאל באזעצן די וועלט, איז דער טייטש אז יעדע זאך וואס דער שכל זאגט אז מען דארף דאס טון, איז עס א חלק פון די בריאה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש אזוי צו טון. און מען דארף נישט האבן אויף דעם קיין תורה, און מען דארף נישט אויף דעם א עקסטערע פסוק אז מען דארף עס צו טון.

**נישט** צו געבן עסן פאר א מענטש, ווען יענער גייט אויס פאר הונגער, און מאכען א חוק אז מען טאר נישט געבן, און הרג'ענען א ריבה אחת ווייל זי האט געגעבן צו עסן, דאס איז היפך הסברא, און אויף דעם דארף מען נישט קיין תורה. און דאס איז פונקט אזא דאורייתא, ווי די תורה האט מצווה געווען די שבע מצות בני נח, האט די תורה מצווה געווען אז א מענטש דארף זיך פירן ארענטליך אויב די סברא זאגט, אז מען דארף אזוי צו טון. און אז די סברא זאגט, אז מען דארף געבן צו עסן פאר א עני וואס האט נישט וואס צו עסן, מען דארף אים ארייננעמען אין שטוב, האט מען עובר געווען אויף א זאך מן התורה, און עס קומט דערויף די עונשים וואס איז געקומען.

**און** די זעלבע איז בין אדם לחבירו. אמאל איז דא וואס איך טו וואס עס שטייט אין די בוק"ס, די תורה האט אזוי געזאגט, איך פאלג וואס עס שטייט אין די תורה. אבער איך גיי נישט ארויס אביסל מער פאר יענעם. אמאל איז דא זאכען וואס די סברא זאגט אז מען דארף טון אנדערש, מען דארף טון אפילו די תורה האט עס נישט מצווה געווען, די מענטשליכקייט זאגט אז מען דארף אזוי און אזוי טון. די מענטשליכקייט אז מען טוט עס נישט, האט מען עובר געווען אויף די וועגן פון די תורה. ווייל עובר צו זיין אויף א סברא פון א מענטש, איז אזוי ווי א דאורייתא.

**לא** חרבה ירושלים, ירושלם איז נישט חרוב געווארן, אלא בשביל שהעמידו דיניהם על דין תורה, וואס עס שטייט אין חומש, דאס וועלן מיר טון. טאמער עס שטייט נישט אין חומש אז דאס דארף מען נישט טון, האב איך נישט קיין אחריות, עס אינטערעסירט מיך נישט. יענער קען שרייען, ער קען וויינען, עס אינטערעסירט מיך נישט וואס יענער טוט. און דאס האט געברענגט די חורבן פון ירושלים.

**מען** זעהט ביי יוסף, אז די ברודערס האבן אים אריינגעווארפן אין א בור של נחשים, און מען האט אים פארקויפט שפעטער אויף מצרים. צוואנציג יאר שפעטער, ווען מען איז אנגעקומען קיין מצרים, און יוסף האט געזאגט מרגלים אתם, און זיי האבן אנגעהויבן צו מאכען א חשבון הנפש, האבן זיי געזאגט, אבל אשמים אנחנו על אחינו, וואס אונז האב מיר צוגעזעהן ווען ער האט זיך געבעטן ביי אונז, און אונז האב מיר זיך נישט אומגעקוקט אויף וואס ער האט זיך מתחנן געווען (בראשית מב-כא). זיי האבן נישט געזאגט אז מיר זענען שולדיג אז מיר האבן אים פארקויפט אויף מצרים, מיר האבן געטון א עוולה אז אונז האב מיר אים אריינגעלייגט אין א גרוב, מען האט אים אוועקגענומען פונעם טאטען. די אלע זאכען האבן זיי נישט אויסגערעכנט. נאר אשמים אנחנו אויף דעם וואס אונז האב מיר געקענט צוזעהן ווי אזוי ער איז זיך מתחנן, און אונז האב מיר גארנישט געטון.

**די** שבטים זענען געווען הייליגע יודען. וואס זיי האבן געטון, איז געווען אויסגעהאלטן על פי תורה. לויט זייער חשבון האבן זיי נישט עובר געווען אויף קיין שום עבירה. עס איז זיך געקומען אז מען זאל אים פארקויפן, מען האט אים געמעגט פארקויפן, אלעס וואס זיי האבן געטון האבן זיי געמעגט טון. מען האט זיי נישט געקענט אנכאפן אז זיי זאלן חרטה האבן אויף די זאך וואס זיי האבן געטון, ווייל עס איז געווען אויסגעהאלטן. אבער זעהן ווי א מענטש וויינט, ער איז זיך מתחנן, און מען מאכט זיך נישט צוטון, עס איז א סברא אז מען דארף אים העלפן. אויף די סברא האבן זיי שפעטער מתוודה געווען. אפילו מיר זענען געווען אויסגעהאלטן על פי דיני התורה, אבער אשמים אנחנו אז מיר זעהן ווי ער טוט זיך מתחנן זיין, און אונז הער מיר גארנישט צו, ווי אזוי ער איז זיך מתחנן, דאס איז געווען די עוולה.

**א מענטש קען זיין אמאל אויסגעהאלטן על פי תורה, און דער חבר האט אויף אים טענות, און דער חבר שרייט און וויינט, דו בא'עוול'סט מיך. און איך וועל**

**זאגען, איך טו אזוי ווי דער שלחן ערוך זאגט אז איך מעג טון. עס אינטערעסירט מיך נישט, שריי ביז מארגען. עס קען נישט זיין אזא זאך, אז א מענטש זאל שרייען, און מען זאל זיך נישט דארפן אומקוקען אויף אים. ווייל דאס אליין, די סברא אז מען דארף פאר יענעם העלפן, איז אויך א דבר תורה.** עס זיצט א גאנצע שטאט סדום, און עס איז דא א צעקה וואס קומט ארויס פון סדום אויבן אין הימל, מען שרייט און מען וויינט וואס דא טוט זיך, און זיי זאגען, מיר זענען אויסגעהאלטן על פי תורה, אונז דארף מיר נישט געבן קיין צדקה, דאס איז נישט אויסגעהאלטן. ווייל אפילו עס איז נישט דא קיין חיוב אויף דיר אז דו דארפסט עס טון על פי דיני התורה, אבער א זאך וואס א מענטש איז מחוייב צו טון על פי סברא, ווערט ער נענש דערויף. און דאס איז דער שהעמידו דיניהם על דין תורה, וואס א מענטש דארף אכט געבן. עס איז נישט גענוג צו טון וואס די דין תורה זאגט, נאר מען דארף ארויסגיין פונעם וועג אויב די סברא זאגט אז עס קומט זיך פאר יענעם ארויסצוהעלפן. אונז קוק מיר נישט אויף דעם וואס איך בין אויסגעהאלטן על פי דין תורה, מען איז מחוייב צו טון פאר יענעם וואס מען דארף.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **דוד משה סאלאמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **לייבוש ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן **הגה"צ אב"ד סאטמאר ומסב"ג שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי מאיר יצחק הורוויץ שליט"א** אב"ד לינסק, שהתקיים בבית המדרש סאטמאר. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **מרדכי יהודה הורוויץ** שליט"א (בן הרה"ג רבי דוד הורוויץ שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א) שישב שבעה על פטירת בנו הילד ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**הגרמ"י:** מיין זון האט געהייסען משה אריה, נאך מיין זיידע דער **נאסויד'ער רבי** דא אין וויליאמסבורג (הגה"צ רבי משה אריה הלברשטאם זצ"ל), מיין מאמע איז א טאכטער. איך האב געזאגט דא פאר איינעם, אז אלע משה אריה'ס האבן געלעבט לאנג, רבי משה אריה פריינד (זצ"ל גאב"ד ירושלים) איז געווען צוויי און ניינציג, מיין זיידע איז געווען צוויי און ניינציג, רבי משה אריה גליק האט געלעבט לאנג.

**רבינו:** אייער זיידע האט געהאט א פעטער, זיין מאמע'ס א ברודער, וואס האט אויך געהייסען משה אריה פריינד וואס איז געווען רב אין נאסויד ביז צו די קריג, און ער איז געווען א שוואגער מיט מיין טאטע, ער איז געווען א איידעם ביים **סערדאהעלער רב**.

דער זיידע האט מיר פארציילט, אז א שטיק צייט איז ער געווען א טמיר ונעלם, און ער איז אמאל אראפגעגאנגען פון די באן ערגעץ, און ער האט פארגעסן זיין פעקל אויף די באן. ער האט געהאט אינווייניג די תפלין, און ער האט זיך זייער מצער געווען. [**הגרמ"י:** עס איז געווען די תפלין וואס זיין זיידע האט אים געקויפט]. ער איז אנגעקומען אויף שאמלויא, און ער האט געזאגט פארן **שאמלויא'ער רב** אז עס פעלט אים די תפלין. האט ער אים געזאגט, דו וועסט עס צוריקבאקומען. ער איז געווען א טמיר ונעלם, מען האט נישט געוואוסט ווער ער איז. לימים קומט אן א גוי, און ער פרעגט אים צו ער איז נאסוידער רב'ס אייניקל, און ער ברענגט אים א פעקל, און עס איז געווען אינעווייניג די תפלין.

**הגרמ"י:** איך בין דער ערשטער אייניקל וואס הייסט מרדכי יהודא, נאך דעם נאסוידער רב'ס שווער. אים האט מען גערופן מרדכי לייב. און מיין זיידע האט געהאט א שאלה דעמאלטס, צו משה 'אריה' מיט מרדכי 'לייב', צו עס איז די זעלבע נאמען. למעשה זעהט מען אז **רבי משה אריה פריינד** האט געהאט קינדער פאר די קריג, און ער האט אויך געהאט א מרדכי יהודה. מיין זיידע האט דעמאלטס באשלאסן אז אנשטאט מרדכי לייב זאל מען רופן מרדכי יהודה.

**הגרמ"י:** דער **נאסויד'ער רב** (הגה"ק **רבי אברהם יהושע פריינד זצ"ל** מנאסויד) האט קיינמאל נישט גערופן מיין זיידע (**האדמו"ר מנאסויד ומסב"ג**) ביים נאמען, ווייל ער האט נישט געוואלט זאגען זיין טאטע'ס נאמען (**רבי משה אריה פריינד ז"ל**, ראה"ק בסיגוט), ער פלעגט אים רופן לעמעל'ע (עיין **בשו"ע** יו"ד סימן ר"מ סעיף ב' ובנו"כ שם).

**רבינו:** רבי משה אריה פריינד איז געווען ראש הקהל אין סיגוט, אין דעם **ייטב לב'ס** צייטען. ווען דער ייטב לב איז געקומען קיין סיגוט איז ער געווען פון די קעגנער'ס פונעם ייטב לב, אזוי ווייט אז ער איז אפילו נישט געקומען געבן שלום ווען מען האט אים אויפגענומען. און נאכדעם איז ער געווארן פון די בעסטע ידידים זיינע. און די כהנא משפחה וואס איז געווען אין סיגוט, די זענען געווען דעמאלטס די גרעסטע אוהבים פונעם ייטב לב, זיי האבן אים אריינגעברענגט, און זיי זענען געווארן שפעטער די גרעסטע מתנגדים.

**הגרמ"י:** ער האט געזעהן דעם ייטב לב בהקיץ, און דער ייטב לב האט געזאגט, אז ווער עס וועט אים זעהן בהקיץ, זאל מען לייגען נעבן אים. דער **קדושת יום טוב** האט געזאגט, אז מען זאל אים לייגען אינדרויסן פונעם אוהל, ווייל מען וועט נאך זאגען אז א ראש הקהל קומט צו ליגן נעבן דעם רב. מען זאל בויען א עקסערע אוהל, מיט א פענסטער.

**רבינו:** מען זאגט נאך, אז א רב איז אמאל געפארן מיטן ראש הקהל צוזאמען אין א וואגן, און עס איז געווען א גרוב, אוןביידע זענען אריינגעפאלען אינווייניג. האט ער געזאגט, יעצט איז תורה וגדולה במקום אחד... אז מען לייגט דעם ראש הקהל צוזאמען מיטן רב, וועט זיין תורה וגדולה במקום אחד.

*

***יום רביעי פרשת חיי שרה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יהושע קליין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **יעקב קאליש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם דוב מאנדעל** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום חמישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להשתתף בשמחת התנאים של נכדו החתן המופלג בתוי"ש הרב **יוסף** שליט"א, בן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי, עב"ג הכלה הבתולה המהוללה תחי', בת **הרה"ג רבי בערל פאללאק שליט"א** (ר"מ בישיבת באבוב ב"ב), שהתקיימה בעיר מאנסי, בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ קרובי ומחותני המשפחה שליט"א, כשבראש המסובין פארו הסבים **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א**.

במסיבת התנאים נשמעו דברי תורה מהסב **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** ומהמחותנים שליט"א. לאחר מכן קרא **רבינו שליט"א** את שטר התנאים. לאחר שבירת הצלחת עמדו קהל המסובים בריקוד למשך זמן. אחר הריקודין השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה. כמו כן נשמעו דברי ברכה מאת **כ"ק האדמו"ר מסקולען מאנסי שליט"א** דוד החתן.

במשך המסיבה עברו תלמידים וחסידים לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א. ויהא רעוא שמשמחה זו יושפע שמחה ורב טוב לנו ולכל בני ישראל.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטן, מען זיצט ביי א סעודת תנאים פון מיין חשובער אייניקל, א גדול בתורה וביראה, יוסף זאל זיין געזונט. ב"ה ער קומט אריין אין א שטוב, א כלה א מושלמת, דער מחותן א מרביץ תורה. דער אייבערשטער זאל געבן עס זאל זיין ענבי הגפן

בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל, דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און עס זאל זיין א בנין עדי עד, און מען זאל זעהן ביי זיי אסאך שמחות און נחת.

**די** וואך אין די פרשה איז דאך די פרשה פון שידוכים. ויצא יצחק לשוח בשדה (בראשית כד-סג), יצחק איז געגאנגען דאווענען, ער האט מתקן געווען תפלת מנחה, ער האט מתפלל געווען אויפן שידוך. יצחק איז נישט געווען קיין יונגער חתן, ער איז שוין אלט געווען פערציג יאר, בן ארבעים לבינה (אבות ה-כא). ווען מען קומט צו די יארן, הייבט מען אן צו פארשטיין, ווי וויכטיג עס איז מתפלל צו זיין אויף א זיווג, אז עס זאל עולה יפה זיין, און מען זאל זיך פארשטיין איינער מיטן אנדערן, מען זאל קענען אויפשטעלן א שיינע יודישע שטוב אינאיינעם. ווען יצחק איז געווען בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה, פארציילט די תורה הק' ויצא יצחק לשוח בשדה, ער איז ארויסגעגאנגען מתפלל זיין. - וואס איז די תורה מדייק לשוח 'בשדה', ער איז געגאנגען דאווענען אויפן פעלד. למאי נפקא מינה וואו ער האט מתפלל געווען?

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות ח.), במערבא, אין ארץ ישראל, כי נסיב איניש אתתא, בשעת מען האט חתונה געהאט, האט מען געפרעגט מצא או מוצא? עס איז דא צוויי פסוקים. אין איין פסוק שטייט, מצא אשה מצא טוב (משלי יח-כב), אז מען טרעפט א שידוך, איז מצא טוב, האט מען געפונען גוטס. א צווייטער פסוק איז דא (קהלת ז-כו), ומוצא אני מר ממות את האשה. עס איז דא אמאל וואס א אשה איז מר ממות. שטארבן שטארבט מען נאר איינמאל, און עס איז דא מר ממות, ביטערער פון טויט, וואס מען שטארבט אסאך מאל איבערן לעבן. האט מען געפרעגט, וואס האסטו געטראפן. מצא אשה מצא טוב, צו דו האסט געטראפן פארקערט.

**דער חיד"א** זאגט, פארוואס עפעס פונקט במערבא, אין ארץ ישראל, האט מען עס געפרעגט. פארוואס האט מען נישט געפרעגט די זעלבע שאלה אין חוץ לארץ, אין בבל? דער חיד"א זאגט, אז די גמרא (קידושין כט:) זאגט דאך, אז עס איז א מחלוקת צו מען דארף קודם חתונה האבן און נאכדעם לערנען תורה, ישא אשה ואחר כך ילמוד תורה, צו פארקערט. הא לן והא להו, די בני ארץ ישראל האבן קודם חתונה געהאט, און נאכדעם האבן זיי געלערנט, די בני בבל האבן קודם געלערנט, און נאכדעם האבן זיי חתונה געהאט.

**זאגט** דער חיד"א, די בני בבל, ווען זיי זענען צוגעקומען צו די חתונה, האבן זיי שוין געהאט אין זיך אסאך תורה וואס זיי האבן געלערנט פון פריער, ביי זיי איז דאך געווען ילמוד תורה ואחר כך ישא אשה, האט די תורה מגין געווען אויף זיי, אז זיי זאלן נישט טרעפן קיין אשה וואס זאל זיין מר ממות. האט מען נישט געדארפט פרעגן מצא או מוצא, ווייל אז מען האט געלערנט תורה פאר דעם, שיקט דער אייבערשטער צו, כי לא יניח שבט הרשע על גורל הצדיקים. אבער במערבא, וואו מען האט חתונה געהאט יונג, מען האט נאך נישט געהאט אסאך תורה, האט מען געדארפט פרעגן מצא או מוצא.

**דער** חיד"א זאגט עס אויף א לומדישען וועג. מען קען עס זאגן אויף א בעל בתי'שע וועג אויך. ווען מען האט חתונה יונגערהייט, מען איז נאך נישט געקומען צום דעת, מען פארשטייט נאך נישט וואס א לעבן פון א מענטש איז, ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן איינער צום צווייטן, ארויסברענגען די אהבה ואחוה ושלום וריעות וואס עס דארף זיין ביי א שידוך. ווען מען ווערט עלטער, מען ווערט געזעצט מיטן שכל, די כלה ווערט מער א מושלמת ווען די יארן גייען אדורך, דער חתן איז געזעסן און געלערנט תורה איז ער אליין געווארן מער א מושלם, און תורה איידלט דאך אויס דעם מענטש, און עס לערנט אויס דעם מענטש ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**אין** ארץ ישראל אזוי ווי מען האט חתונה געהאט פרי, מען האט דאך ערשט שפעטער געלערנט תורה, איז דאך די שידוכים געווען ווען מען איז נאך געווען גאנץ יונג. גאנץ יונגע שידוכים האט מען געדארפט פרעגן מצא או מוצא, ווייל עס טרעפט זיך ביידע. אבער אין בבל וואו מען האט קודם געלערנט תורה, מען האט חתונה געהאט שפעטער ווען מען איז שוין געווען עלטער, איז דאך שוין די כלה געווארן א מושלמת, און דער חתן האט זיך שוין אויסגעלערנט דרכי החיים ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, מען האט נישט געדארפט פרעגן מצא

או מוצא, ווייל ער האט זיך א עצה געגעבן, וואס עס זאל נאר זיין, האט ער זיך אויך א עצה געגעבן אין דעם שידוך.

*

**די** וועלט זאגט, אז ביי מצא אשה מצא טוב, שטייט מצא 'אשה' מצא טוב, און ביי מוצא אני מר ממות שטייט את 'האשה'. א מאן ווערט אנגערופן איש, און א פרוי ווערט אנגערופן אשה. איש איז בגימטריא 311, און אשה איז 306. קומט אויס אז די גימטריא פון א מאן, איז מער ווי די גימטריא פון א אשה. ווייל דער מאן דארף זיין דער בעל הבית אין שטוב, און די אשה דארף זיין נכנע אונטער אים, און זי דארף ארויפקוקן אויפן מאן. איז דער מאן 'איש' א גרעסערער נומער, און די 'אשה' איז די קלענערע נומער. ווען מען ווייסט אז עס דארף אזוי צו זיין, און די כלה איז נכנע אונטערן מאן, מצא 'אשה', ער איז דער 'איש' און זי איז די 'אשה', מצא טוב. אבער טאמער מוצא אני מר ממות את 'האשה', ווען זי איז האשה, 'האשה' איז די זעלבע גימטריא ווי איש, 311. ווען זי שטעלט זיך צו, איך בין גארנישט וויניגער פון דיר, איך בין אויך אזא בעל הבית אין שטוב ווי דו, דו ביסט אן 'איש' איך בין אויך 'האשה', דעמאלטס איז עס מר ממות. מצא אשה, טאמער מען טרעפט א אשה אליין, דאס איז מצא טוב, אבער ווען מען טרעפט האשה, מען טוט זיך צושטעלן צו דעם מאן, זי איז אין איין מדריגה צוזאמען, דאס איז מר ממות.

**די** חילוק צווישן די צוויי איז, א איש האט פינף מער ווי אשה. פארוואס, ווייל די מעלה פון א מאן איז, אז ער זיצט און לערנט תורה, און א אשה איז פטור פון לימוד התורה. קומט דאך אויס אז די מעלת התורה איז דא ביי א מאן, וואס ביי אשה פעלט עס. תורה באשטייט פון חמשה חומשי תורה, די מעלה פונעם איש איז, ער האט פינף מער פון די אשה, ווייל ער זיצט און לערנט תורה, וואס די אשה לערנט נישט. אבער טאמער די אשה האלט זיך אויף פאר אזא תלמיד חכם ווי דער מאן. צו ער איז נישט קיין גרעסערער תלמיד חכם פון איר, עס איז אייניג, דער איז 'איש' און זי איז 'האשה', זיי האבן די זעלבע גימטריא, דעמאלטס איז עס מר ממות. מצא אשה, ווען מען טרעפט א אשה, דאס איז מצא טוב.

**ווען** יצחק איז געגאנגען מתפלל זיין אויף זיין זיווג, האט ער מתפלל געווען אז ער זאל טרעפן, אז ער זאל זיין 'איש', און זי זאל זיין 'אשה', נישט ער זאל טרעפן איינע וואס איז 'האשה' אזוי ווי ער. א יודישע שטוב דארף צו זיין, אז דער מאן דארף זיין דער מאן אין שטוב, און זי דארף טון איר ארבעט אין שטוב, און זיין נכנע אונטערן מאן. 'בשדה' באטרעפט 311, דאס איז די מספר פון 'האשה'. ויצא יצחק לשוח, יצחק איז ארויסגעגאנגען דאווענען, אויף וואס איז ער געגאנגען דאווענען, 'בשדה', ער זאל טרעפן א 'אשה', און ער זאל נישט טרעפן קיין 'האשה', אויף דעם איז ער געגאנגען מתפלל זיין, עס זאל זיין ביי אים מצא 'אשה' מצא טוב, ויפק רצון מה'.

**נאכדעם** געפינט מען דאך, אז די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו, שכינה שרויה ביניהם. ביים די איש איז דא א י', און ביי אשה איז דא א ה'. אז מען איז זוכה איז דא השראת השכינה אין שטוב. טאמער מען איז נישט זוכה, פארלירט דער מאן דעם י', און זי פארלירט דעם ה', און עס בלייבט 'אש' אוכלתן.

**ויצא** יצחק לשוח בשדה, 'שדה' איז בגימטריא 'איש', ער איז ארויסגעגאנגען דאווענען, אז דער אייבערשטער זאל העלפן, אז דער שידוך זאל בלייבן א איש, עס זאל זיין שכינה שרויה ביניהם, נישט עס זאל ארויספאלן, דער י' זאל אוועקגענומען ווערן, און עס זאל זיין אש אוכלתן. ויצא יצחק לשוח, אויף דעם איז ער געגאנגען דאווענען, 'בשדה', אויף זיך האט ער מתפלל געווען אז ער זאל בלייבן א איש, עס זאל נישט ווערן קיין אש. און אויף איר האט ער מתפלל געווען, אז זי זאל זיין א 'אשה', און זי זאל נישט ווערן קיין 'האשה'. דאס איז געווען די תפלה וואס יצחק האט מתפלל געווען.

*

**דער** מחותן איז דאך א מרביץ תורה אין באבוב, וועל איך איבערזאגן א ווארט אין די פרשה, וואס איך האב געזעהן שטיין פונעם **באבוב'ער רב זצ"ל**. די גמרא (קידושין ב.) זאגט, אז מען לערנט ארויס קידושי כסף פון שדה עפרון (בראשית כג-יג), קיחה קיחה משדה עפרון. האט ער זיך געשטעלט, וואס עפעס האט מען גענומען דעם שדה עפרון, און פון דעם זאל מען ארויסלערנען די הלכות פון קידושין?

**האט** ער געזאגט א שיין ווארט. עפרון מיט אברהם האבן געמאכט א געשעפט. אברהם האט אפגעקויפט די מערת המכפלה, און עפרון האט באקומען דערפאר דאס געלט. ווען מען האט געפרעגט עפרון, ווער האט געמאכט א בעסער געשעפט, דו צו אברהם. האט עפרון געענטפערט, איך האב געמאכט אסאך א בעסערן געשעפט. איך האב אים אוועקגעגעבן א טונקעלע מערה, עס שטייט אין מדרש, אז ער האט קיינמאל נישט געזעהן דארטן קיין ליכטיגקייט. און איך האב באקומען פיר הונדערט כסף עובר לסוחר, איך האב געמאכט א בעסערן געשעפט פון אברהם. ווען מען האט געפרעגט אברהם, ווער האט געמאכט א בעסערן געשעפט, דו צו עפרון. האט אברהם געזאגט, איך האב געמאכט א בעסערן געשעפט. וואס האב איך אים געגעבן, פיר הונדערט גילדן, דו ווייסט וואס איך האב באקומען דערפאר, איך האב באקומען א מערת המכפלה.

**די** חכמים האבן אונז געוואלט לערנען, אז ווען מען טוט א שידוך, מען וויל אז דער שידוך זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, דארף יעדער איינער שפירן, אז איך האב באקומען מער פון וויפיל איך האב געגעבן, און דעמאלטס איז עס א ריכטיגער שידוך. עפרון האט געשפירט אז ער האט באקומען מער, אברהם האט געשפירט אז ער האט באקומען מער, און דאס איז א שידוך ווי עס דארף צו זיין. - ב"ה ביי דעם שידוך איז ענבי הגפן בענבי הגפן, דער חתן ב"ה שפירט אז ער האט באקומען א כלה א מושלמת, און די כלה שפירט אז זי האט באקומען א חתן א מושלם, יעדער מיינט אז ער האט געמאכט דעם בעסטן געשעפט. דער אייבערשטער זאל געבן, עס זאל טאקע זיין א גוט געשעפט, און ביידע זאלן זיין צופרידן. אברהם און עפרון זענען אויך ביידע געווען צופרידן, עפרון איז געווען צופרידן אז ער האט באקומען דאס געלט, און אברהם איז געווען צופרידן אז ער האט האט באקומען די מערת המכפלה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער. זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, דער זיווג זאל עולה יפה זיין, א בנין עדי עד. איך וויל ווינטשן פאר די מחותנים, און פאר דעם זיידען, זאלן אלע זעהן אסאך נחת, און קענען צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב. מען זאל זוכה זיין אינאיינעם צו עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***ערב שבת קודש פרשת חיי שרה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אליעזר זוסיא ברוין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אביגדור שלום מייזעלס** ע"ה.

לפני כניסת השבת חבש **רבינו שליט"א** השטריימל להחתן **יעקב** (ב"ר יהודה) **זינגער** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת חיי שרה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ל' חשון). בברכת המזון נתכבד בנש"ק החתן **יוסף ראזנער** ני"ו.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **זלמן לייב** (ב"ר ירמיה) **פאגעל** הי"ו, והתקיימה שמחת עליה לתורה של החתן **יעקב** נ"ו בן הר"ר **יהודה זינגער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחות.